1

ק.הערמאן

# זעקס תליות
# אין ווילנער געטא

א קרימינעלע ליטעראַרישע כראָניק
פון ווילנער געטא

געטא-ווילנע
אויגוסט 1942

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VžM 4677/1

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677/2



# אינטערפּרעטאַציע

דעם 4־טן יוני 1942 איז די גאנצע ווילנער געטאָ פּלוצים געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. 3 בײַטאָג זענען 6 ײדן פאַרמשפּט דורכן ײדישן געטאָ־געריכט געשטעלט געוואָרן אונטער הליות. צענדליקער ײדישע פּאָליציאַנטן אונטער דער אָנפירונג פון ײדישן פּאָליצײַ־שעף אין געטאָ האָבן אנטײלגענומען אין דער עקזעקוציע.

נאָכן אויסהערן דעם פאַרלאַנג פון פּראָקוראָר ארויסצוטראָגן אויף אלע 6 א טויט־אורטײל פאַרלאַנגט אײנער פון די באשולדיקטע א... פּאַפּיראָס א צווײטער בעט דער לויבן אים געזעגענען זיך מיט זײַן פרוי און א דריטער דערקלערט זיך פאַר שולדיק.

שטײענדיק אין אנבליק פון טויט אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ האָבן זײ אלע, ווי אײנער, שטיל און מיט גרויס רויקײט אויפגענומען דאָס אויספירן דעם אורטײל.

קײנעם אין געטאָ האט נישט פאַרדראָסן דער דאָזיקער יוסטיץ־אקט. קײנער האט נישט געצווײפלט אינם גערעכטן אורטײל און אין דער שולד פון די באשולדיקטע. אלע האבן מיט פאַרלײַכטערונג אויפגענומען די ידיעה, אז די באשולדיקטע ווערן נישט ארויסגעגעבן דער "גױשקער וועלט", אז דעם אורטײל איבער זײ וועט אויספירן דער געטאָ און אז...

...אז דער ײדן־ראט און פּאָליצײַ־שעף האבן איבער די גאסן פון געטאָ געלאָזן פּלאַקאַטירן די מעלדונג וועגן אויסגעפירטן טויט־אורטײל האבן עס טויזנטער געלײענט רויק און מיט גרויס אויפמערקזאמקײט. עס איז בײַ קײנעם נישט אנטשטאנען קײן "אפשר", קײן צווײפל, קײן פונק פון רחמנות.

די געטאָ האט פאַרמשפּט. די געטאָ האט דעם אורטײל אויסגעפירט און די געטאָ גײט מיט פולער רויקײט אריבער צום טאָג־אָרדענונג איבער די 6 געהאנגענע.

הלמאי אזא פאַרביסנקײט?

הלמאי אזא רויקײט?

איז עס דען נאָר דערפאַר, וואָס פון 75 טויזנט ײדן אין ווילנע איז פאַרבליבן קוים 16?

דערפאַר אפשר וואָס די אײַנוווינער פון ווילנער געטאָ האבן זיך צוגעווײנט צו מאָרד און זײ זענען רויק און גלײַכגילטיק?..

דער טאָג פון 4־טן יוני אין געטאָ איז ווי ביזאַיצט דער טאָג פון די שטאַרקסטע איבערלעבנישן. טויזנטער זענען דאָ געפאַלן בעת די "אקציעס". טויזנטער זענען פאַרכאפּט געוואָרן פון "כאפּונעס" און פאַרבליבן זענען טויזנטער יתומים, הײמלאָזע און פאַמיליענלאָזע, אלמנות, צעבראָכענע און צעקרישלטע מענטשן. גראָד פאַר זײ איז דער הײַנטיקער טאָג געווען אײנער פון די שווערסטע: די געטאָ מוז געלײַטערט ווערן פון דאָזיקן טאָפּלטן בעסטיאלישן און אויסגעלאסענעם מאָרד האט די ווילנער געטאָ זיך דערפילט פאַרשעמט, פון דעם צענפאַכיקן מערדער אווידאָן דערנידעריקט און באַלײדיקט.

אלץ, וואס עס איז דאָ געשען האט געהאט פאַר זיך אײן גרויסן צוועק: אין אנבליק פון די גרויסע געשעענישן, פּנים־אל־פּנים מיט דער אימהדיקער געשיכטלעכער לאַגע פון די היגע ײדן דאַרף די חרפּה אָפּגעווישן ווערן.

די גאנצע געטאָ האט געשטרעבט זיך רײַנצוּוואשן; — אָט פאַרוואָס די "בלוטדורשטיקײט" פון די ווילנער געטאָ־אײַנוווינער.

דער אויטאָר האט מיט זײַן זשורנאליסטישן חוש נישט געקענט רוען נישט פאַראײַביקנדיק די דאָזיקע געשעעניש. די דערצײלונג, וואָס מיר גיבן דאָ איז אָבער דערמאָנט אין עפּעס א שערלאָק־כאָלמס־געשיכטע. דאָס אלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר איז נישט מער ווי א קרימינעלע ליטעראַרישע כראָניק באַארבעט אויפן סמך פון יענע געשעענישן אין ווילנער געטאָ אין די טעג פון יוני 1942.

געטאָ־ווילנע, אויגוסט 1942

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677



## 1. קײן ירושלים דליטא

מיט א טיפן האס האט זיך יוסף אפגעטראגן פון שונא וואס האט פארטיליגט דאס ײדישקײט און דעם ײדישן דת. דער איבער דרײסיק יאריקער ישובה-בחור, שלעפענדיק זיך פון ישובה צו ישובה האט זיך פארלאזן אויף גאט און אויף זײן ײדישקײט. ווי נאר די באלשעוויקעס זענען ארײן קײן ביאליסטאק לויפט ער מיט זײן גלויבן און טראגט אים אין דער ריכטונג פון ווילנע.

ווילנע דער ײדישער קולטור-צענטער.

ווידער וועט ער דארט באקומען א מעגלעכקײט צו לערנען און אויסבאהאלטן זיך מיט זײנע ײדישע הײליקײטן.

אין דעם גרויסן און שווערן ווינטער פון יאר 1939-40, אין די טיפע שווערע שנײען טראגן זיך א גרופע שלעפערס און צווישן זײ יוסף, דער ישובה בחור.

בײטאג ליגן זײ אין די פויערישע כאטעס. בײנאכט, ווי גרויס די פראסט זאל ניט זײן, ריקט מען זיך טיפער און טיפער, אלץ נענטער און נענטער צום אויסגעטרוימטן לאנד - קײן ליטע, צו די סמעטאנישע מאכט-האבער, וואס טאלערירט ײדישקײט.

יוסף ווײס צו דערצײלן, אז מאסן ײדישע ישובות לויפן פון די באלשעוויקעס און דאס רוב פון זײ לויפט טאקע קײן ליטע, דער עיקר קײן ווילנע.

בײ אים ווערט קלאר: דארט וועט ער באקומען א ארט פאר זיך און דארט וועט ער ווידער רויק און בנומותדיק קענען לערנען. דאס דאזיקע פארשכרט אים.

אבי באקומען א מעגלעכקײט צו לערנען!

אײנס בײנאכט האבן זיך אנגעהויבן די ווײטערדיקע וואנדערונגען. זײט אײנס בײ נאכט שלעפט זיך דא דער פארמאטערטער יוסף. געמײנט אט-אט און עס איז ווילנע. דאך, שוין די דריטע נאכט ווי ער וואנדערט אזוי. מיט א טרוקן שטיקל ברויט אין טאש, מיט כסדרדיקע שרעק און הארצקלאפעניש - ווי לאנג איז דער שיעור? יוסף הײבט אן צווײפלען, ער פארלירט ביסלעכווײז די האפנונג אויף צו דערגרײכן ווילנע.

די גרויזאמע פראסט, די אומאויפהערלעכע שרעק, די כסדרדיקע וואכזאמקײט בײם דערנענטערן זיך צו דער גרעניץ, דאס הײבן זיך און לײגן זיך, דאס בײטאגיקע באהאלטן זיך אין שײער און דאס בײנאכטיקע וואנדערן - דאס אלץ צוזאמען האט זיך געבעטן עס זאל נעמען א סוף און ווען דער סוף קומט ניט איז אלץ ארום [illegible] דערעסן געווארן. די האפנונג פונם אויסגעטרוימטן לאנד אנטקומט און וואס ווײטער אלץ מער גנבהעט זיך ארײן דער סם פון פעסימיזם.

הײנט דארף עס אנטגילטיג געשען. הײנט אדער קײנמאל ניט.

הײנט דארף די גרופע ענדליך דערגרײכן דעם ענדציל - אזוי שטעלט פעסט דער פויער, דער פירער:

באלד גײט מען אריבער די גרעניץ און נאך א צװײ-דרײ שעה גאנג וועט יוסף, ווי משה-רבינו, קוקן אויף זײן אויסגעטרוימט לאנד...

ווידער א פאר טריט און ווידער א באפעל: לײגן זיך. אין דער לופט גײט א בליץ א ראקעטע. אלץ ווערט וונדער שײן באלויכטן און עס זעט זיך ווי בײטאג - א רײטער א מיליטער-מאן אויף נארעס, א שמעק הונט.

עס איז די סאמע גרעניץ. דער אטעם שטעלט זיך אפ. יוסף אין זײן גרויסער דענערווירטקײט דערפילט, אז ער ווערט שוואכער און שוואכער. פונדעסטוועגן האלט ער זיך - זײן טרוים ווערט פארווירקלעכט:

- גאט וועט העלפן, נאך א שעה, אפשר נאך א שעה און ער איז אויף דער ליטווישער זײט, ער איז אין ווילנע... - אט אזוי טרײסט ער זיך און בארויקט זיך.

עס איז שוין פארטאג. דער נעפל צעגײט זיך און דער האריזאנט ווערט [illegible] ברײ-

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677



טער און ברייטער, טיפער און אַנזועעוודיקער. דער פאַרמאַטערטער יוסף דערשלעפּט זיך קוים צום שפּיץ פֿון עפּעס א גליטשיקער הויכקייט און א פרײַלעכער מאכט ער א ברכה - ענדליך זיך דערשלאָגן. נאָך א צוויי דריי שעה און ער איז אין ווילנע...

אזוי אַט־אָ קומט דער ישובה־בחור יוסף גערשטיין קיין ווילנע און אזוי אַט־אָ דער שלאָגט ער זיך צו ר' וועלוועלע דעם בריסקער רב וו ער לערנט און באקומט א מעג לעבקייט צו באוונדערן די נײַע שטאָט. ער לערנט מיט גרויס הסמדה און וואנדערט פֿ דאָ פון קלויז צו קלויז איבער די הונדערט און פינף קלויזן...

וי נאָר די באָלשעוויקעס פאַרנעמען ווילנע צום צווייטן מאָל, קערט זיך יוסף אום צו זיין קלימעקל מיט זאַכן, באטאַפּט עס ווי ער וואָלט זיך פּאַקן אין וועג אריין. קוקט אויף זיין "פאַרמעגן" און קאַלקולירט:

מיט די דײַטשן אומעגלעך און מיט די באָלשעוויקעס איז עס יאָ מעגלעך? און ווי־דער ווי אין ביאַליסטאָק איז ביי יוספן אנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון [struck-through text] פאַרבלייבן ביי א מעגלעכקייט צו לערנען. גאַנצע ישובות נעמען דעם וועג און לאָזן זיך קיין אמעריקע, קיין ארץ־ישראל און ער, יוסף?

ער לאָזט זיך פאַרכאַפּן פון דער ווילנער מאָדע. מאכט זיך פאַלשע וויזעס און וויל פּרוּוון גליק - עמיגרירן, אנטלויפן פון דאַן

- וו לויפן?

און יוסף גערשטיין פאַרכאַפּט פונם שטראָם גרייט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישראל.

- טויזנטער ישובה־בחורים פאָרן, פאַרוואָס זאל ער ניט קענען ארויסראַטעווען זיין יידישקייט?

דער שטאָלץ, אז ער האט שוין א צוזאָג אויף שטיצע און אז ער קלייבט זיך קיין ארץ־ישראל האט אין אים ארײַנגעגאָסן א נײַע חיות, פרישע מוט און פרישע האָפ־נונגען:

ארץ־ישראלן..

א וויזע איז שווער צו באקומען. פון וו איינגנטלעך? און גערשטיין האט זיך טאקע געלאָזן צורעדן - ער מאכט זיך א פאַלשע וויזע. אלץ איינס טאָלערירן עס די באָל־שעוויקעס. פאר זיי איז עס א אונטערנעמונג אויף צו באקומען דאָלאַרן. אויב ניט פֿ טויזנטער זענען דאָך [struck-through text] הונדערטער שוין זיכער געפאָרן?
תצוו אכוק

- הלמאי זאל ער זיך אָפּשטעלן פאר מאכן א פאַלשע וויזע?

הונדערטער זענען טאקע געפאָרן און אים יוספן איז עס ניט געלונגען. ער ווערט "פאַרשיט" פאַלט אריין אין דער באָלשעוויסטישער טורמע און נאָך 4 חדשים הונגער, אויסמיידעלדיק טרפות דערנערענדיק זיך מיט טרוקן ברויט און וואסער, באפרייט אים ענדלעך דער אויסברוך פון דער דײַטש־באָלשעוויסטישער מלחמה.

לעבן מוז מען. דערנערן זיך איז א נויטווענדיקייט. דאָס אנטלויפן פון די דײַטשן האט אים ווידער געבראַכט אין די אָרעמס פון די דײַטשע חיילות

יוספס איינציקער אויסוועג איז האנדלען. אלע האנדלען ער וועט אויך פּרוּוון. און אזוי ארום שטעלט ער ביי זיך איין א לעבן פון יאָגן זיך נאָך א פאַרדינסטל און... אויסבאַהאלטן זיך פון "כאַפּונעס", פון ליטווישע אָדער דײַטשע פאַרשלעפּערס. ביז, ביז ער פאַרשלעפּט זיך אין ווילנער געטאָ.

וואָס ערגער דאָס לעבן אין געטאָ, אלץ שטאַרקער צעברויזט זיך אין אים דער רע־ליגיעזער געפיל. גראָד דאָ ווען אלץ ארום איז דערדריקט און איינגעקוועטשט פון דער צוואַנג פון פּעסימיזם, גראָד דאָ דערוועקט זיך אין יוספן דאָס געפיל פאר האָפענונג און אויסדויער:

- געטאָ איז ניט קיין אייביקייט. דער שונא מוז און וועט פאַלן און יוסף צוזאמען מיט אלע וועלן באַפרייט ווערן..

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

5



אױסדױער?־דאָס לעבן װערט פון טאָג צו טאָג שװערער. די פאַרדינסטן נאָך שװערער

רער און יוסף אײן געיעג פון אױסהאַלטן און איבערהאַלטן װאַרפט זיך װי א ~~פיש~~ פיש אין װאַסער. זײן האַנדל אַמאָל געלינגט עס ~~[illegible]~~ אים, אַמאָל ניט. און אַזױ אַט־אָ האַנדלענדיק האָט ער זיך פאַרהאַנדעלט אויף אײביק.

## 2. ער װעט שיסן!

די אײנװױזער פון װילנער געטאָ האָבן געלעבט מיט א סענסאַציע: א גרופּע ײדישע פּאָליציסטן אונטערגעטריבן פון רעפּערענט פאַר ײדישע ענינים בײם געביטס־קאָמיסאַר, דעם שטרענגער דײטשער אָפיציר מורער, האָבן אויף זײן פאַראָרדענונג געזוכט און געשיסטערט.

דער ײדישער פּאָליציסט אברהם גרינפעלד א נידעריקער ברײטער בחור פאַרבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ און האַלדז ~~[illegible]~~ איז געשטאַנען צוזאַמען מיט מורערן און אַן אויפגעבראַכטער האָט ער אַלץ ניט געקענט פאַרשטײן:

– א ײד זאָגסטו, אַן אײנװױנער פון געטאָ?

גרינפעלד איז געשטאַנען אויף שטײף און צוגעפּסקנט:

– יאָװאָל, א ײד אַן אײנװױנער פון געטאָ.

מורער איז פון דער דאָזיקער זאַך געװען שטאַרק פאַרװונדערט. אין געטאָ און אײן ײד שטעכט דעם צװײטן?... אמײסטן אבער האָט אים פאַרדראָסן דאָס װאָס א ײד האָט געװאַקט קעגן א פּאָליציסט.

זאָל ער זײן א ײד, זאָל עס זײן אין געטאָ!

– װי װאַגט ער?

– 15 מינוט צײט און איר דאַרפט אים מיר צושטעלן!

– דאָ אויפן אָרט װעל איך אים שיסן!...

קײן גרויסע פאַרזיכערונג דאַרף מורער ניט געבן. דאָ אין געטאָ קאָן מען אים. אַז מורער זאָגט שיסן איז קלאָר װי דער טאָג – ער װעט שיסן.

די שכנים פון רודניצקער־גאַס װאָס האָבן זיך צו דער דאָזיקער סצענע צוגעקוקט האָבן מיט ציטערניש דערװאַרט עפּעס שוידערלעכעס:

אָט װעט מען אים ברענגען און אָט װעט מורער, װי אַמאָל זײן פאַרטרעטער װײס, אויסציען דעם בראַונינג און "אים" אַװעקלײגן אויפן אָרט...

ניט 15 מינוט נאָר פולע 2 שעה האָט געדױערט דאָס נישטערן און זוכן. מורער איז אַװעק מיט גאָרניט און די פּאָליציסטן האָבן זיך דערפילט עפּעס שטאַרקער – אפילו מורער זאָרגט װעגן זײ...

– א פּאָליציסט איז א פּאָליציסט.

– פאַר אַנרירן אפילו א ײדישן פּאָליציסט װעט ער שיסן...

דער מערדער אָבער איז שוין לאַנג ניט געװען. אויף א פויערישן װאָגן און מיט א קריסטלעכן דאָקומענט אין קעשענע האָט ער זיך געשאָקלט און ניט געפינען אין זיך קײן סימן פון חרטה. פאַרקערט, אין אים אַלײן האָט נאָך געזיצט און ער האָט ניט געקענט בײ זיך אײנשטילן דעם כעס, פאַרװאָס ער האָט אים ניט דערשטאָכן אויף טויט

– סײ װי סײ מוז ער עוקר זײן. סײ װי סײ איז ער א מערדער, הלמאַי אים נאָר פאַרװונ

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
V214 4677



דעט אין זיין חזרישע מאָרדע?- און אין זיינע געדאנקען האָבן זיך געקאָלערט כללות און חרמות אויפן אדרעס פון פארוואונדעטן יידישן פּאָליציסט פון ווילנער געטאָ, וועמענס כבוד עס נעמט זיך אָן מורער.

- מערדער, א רוח אין זיין טאטן אריין - האט אין אים ווייטער געזידט דער בעהן אויף מורערן - מערדער, - האט ער ווייטער געצויגן:

-איינער מאָרדעט יידן און דערצווייטער/אין דעם פאל דער יידישער פּאָליציסט אברהמעלע גנב/, די איינוווינער פון געטאָן

- איצט וועט ער מיך שוין געדענקען, אברהמעלע בער, ער וועט שוין וויסן, אז מיט יענקעלע אווידאָן דארף מען זיך ניט שפּילן...

- איז וואָסזשע, אז איך האב געוואָלט אריין אויסער דער ריי?

- איז ער קראנק געווען ארייגלאָזן אָן "איינגענעם" אָן דער קאָלייקע?

-גרויסן האָט ער זיך געוואָלט, ווייזן ווער ער איז, א פּאָליציסט, א יידישע מענטש און אָט האב איך אים אָנגעלערנט.

- איצט וועט ער שוין געדענקען, אז מיט יענקעלע אווידאָן דארף מען זיך ניט שפּילן?.

אזוי אָט-אָ האט יענקל אווידאָן, דער פאקטישער שטעכער פון אברהם גרינפעלד געפּרוווט אין זיך בארעכטיקן דעם כעת וואָס האט אין אים געברענט צו זיין אלטן "פאך-קאָלעגע", דעם גנב אברהם גרינפעלד, דעם איצטיקן פּאָליציסט אין געטאָ.

דער קליינער פויערישער וואָגן האט זיך געהוידעט און מיט אים צוזאמען, דער שווערער און מאסיווער אווידאָן. ער האט זיך אויסגעצויגן אין שטרוי און אזוי אָט-אָ איינגעשלאָפן מיט א שווערן, הארטן שלאָף, וואָס האט גדויערט ביז לידע.

## 3. יאָ מאָרד ניט מאָרד?

דער גאנצער שטאב פון דער ווילנער קרימינאל-פּאָליציי האט זיך געמוחט ארום א עניין. דער קאָמיסאר האט געצויגן זיינע גויהשע וואָנסעס, וואָס האבן ווי געקלעבט אויף זיין געמיטלעך פנים און געהכרונט:

יאָ מאָרד ניט מאָרד?

דער סעקרעטאר ווייס צו דערציילן, אז דער היטלמאכער לידעס האט שלעכט געלעבט מיט זיין פרוי. קיין שיין האט ער ניט באקומען. די קינדער האט ער ווי עס איז איינגעאָרדענט און זיי צוגעשריבן צו נאָענטע מענטשן - קלאָר ער האט פארכאפּט דאָס געלט און איז אנטלאָפן.

אלץ האט טאקע גערעדט דערפאר, אז דער היטל-מאכער הערצל לידעס איז אנטלאָפן מיטנעמענדיק מיט זיך די 27.000 רובל פאר וועלכע ער האט צוגעזאגט צו קויפן 100 גאָלד-רובל. עס איז אלזאָ קלאָר געוואָרן:

דער עניין קויפן 100 רובל איז א שווינדל. לידעס האט באשווינדעלט און איז אנטלאָפן.

די פרוי אָבער האט ניט געוואָלט נאָכגעבן: ניין ער איז ניט אנטלאָפן. זי מיינט, אז דאָס איז א מאָרד און זי בעט מען זאל דעם עניין פארשן. די קרימינאל-פּאָליציי איז אָבער געקומען צו א ווייטערדיקן אויספיר:

עס איז קלאָר ווי דער טאָג, לידעס איז אנטלאָפן. זיין פרוי, כדי אָפּצוציען די אויפמערקזאמקייט שרייט, אז ער איז דערמאָרדעט.

צוויי מאל איז פרוי לידעס פארהאלטן געוואָרן טאקע אונטער דעם דאָזיקן חשד. ביידע מאָל איז זי געזעסן אין דער געטאָ-טורמע אויף לידסקע און ביידע מאל האט זי בסדר און אומאויפהערלעך געטענהט:

איר מאַן איז דערמאָרדעט. זי פילט עס און זי פאַרשטייט אַזוי. זי איז גרייט די גע־ליטענע צו דעקן זייער היזק. זי וועט זיך אויספאַרקויפן און זי וועט אויסצאָלן. זי בעט אָבער פאָרשן דעם ענין — א מאָרד צי ניט א מאָרד?

די געליטענע האָבן גמאָנט און געפאָדערט און פרוי לידעס האט צונויפגעשלעפט אלץ וואָס זי האט געהאט און אָפּגעצאָלט זיך ביז 70 פּראָצענט פונם חוב.

זי האט געליטן טאָפּלט: חרפה, ווייל מען איז איר חושד, אז דער מאַן איז איר אנטלאָפן, צער ווייל זי מיינט, אז ער איז ערגעץ־ווו דערמאָרדעט. אליין ניט וועלנדיק זיך ארומרייסן גיט זי אָפּ איר גאַנצע האָב און גוטס אבי ניט דאַרפן נאָך זיין פאַרשעמט שלעפּענדיק זיך פון טורמע צו דער אויספאָרשונג און פון דער אויספאָרשונג ווידער אין טורמע. אבי ניט פאַרבלייבן אונטער א חשד, אז אויך זי איז א שותפטע צום "פאַרכאַפּן" די 27 טויזנט רובל.

די פּאָליציי האט אפילו יאָ נאָך געפּרוּווט זיך מסעהק זיין מיט דעם ענין. געווען אפילו אַזאַלכע, וואָס האָבן דערציילט, אז מען האט אים געזען אויף א וואָגן ארויספאָרן פון געטאָ. מען האט אים געפּרוּווט זוכן אין לוקישקער טורמע און ווידעראַמאָל איז געזעסן די אנפירונג פון דער ייִדישער קרימינאַל־פּאָליציי זיך בראַטן און ווידעראַמאָל איז מען געקומען צום זעלבן: די פרוי איז טאַקע א אומגליקלעכע, אפשר אפילו אן אומשולדיקע און ערלעכע. איר מאַן האט איר פאַרלאָזן, פאַרכאַפּט דאָס געלט און אנטלאָפן.

די פראַגע האט פאַרלוירן יעדן אינזען. די קרימינאַל־פּאָליציי האט רעזיגנירט. פרוי לידעס איז מיד געוואָרן צו מאָנען און דער ענין איז פאַרשוויגן געוואָרן.

לויט דער קרימינאַל־פּאָליציי פאַרבלייבט הערשל לידעס א שווינדלער און געלט־פאַרכאַפּער. לויט זיין פרוי בלייבט זי א פינסטערע אלמנה, וואָס קען אפילו ניט דערגיין ווו עס איז אהינגעקומען דאָס געביין פון איר מאַן. ביידע קינדער זענען פאַרבליבן יתומים און די זאַך ווערט אנטשוויגן ווי א שטיין אין וואַסער אריין. צו דעם צו איז זי פאַרבליבן הויל און נאַקעט. אלץ וואָס געהאט האט מען פון זיך אראָפּגענומען און אויספאַרקויפט בלייבנדיק ביי דעם אלעם א מיטשווינדלערין אָדער, לכל־הפחות, א פאַרשעמטע און געליטענע.

אין דער געטאָ אינטערעסירט עס זעלטן וועמען. א קלייניקייט א מענטש. א מענטש מער צו א מענטש ווייניקער. וועמען אינטערעסירט עס היינט? די ווילנער געטאָ האט שוין ניט איינעם פאַרלוירן. דאָ אין דער ווילנער געטאָ ציילט מען די פאַרלוירענע אין די טויזנטער און צענדליק־טויזנטער.

ווייניק טויזנטער זענען פון דאָ געפּטרט געוואָרן?

די ווילנער געטאָ איז זיך אַוועק מיט איר אַנאָרמאַל געטאָ־לעבן. יעדן טאָג א נייַ קאַפּיטל שרעק. יעדן טאָג נייע קלאַנגען און יעדן טאָג א פרישע מהומה ביי דער טויער־וואַך.

א קלייניקייט ווילנער געטאָ!...

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

## 4. די שול פון די גייוושעס

דער רעסטאָראַן פון קוואַשעלנאַ 11 איז ניט נאָר א רעסטאָראַן, ער איז נאָך עפּעס. און דער דאָזיקער "נאָך עפּעס" איז וויכטיקער ווי דער רעסטאָראַן אליין.

די איינגייער אין דעם מקום, דאָס פאַרהאַלטן זיך דאָ, די שפּראַך און אלץ ארום האט פאַר יעדן פרעמדן געגעבן צו פאַרשטיין, אז דער דערמאָנטער "נאָך עפּעס" איז מער ווי דער רעסטאָראַן אליין.

די ווילנער טרעגער־משפחה גייוועש האט זיך געיחוסט מיט א פעטער און דער פעטער האט געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פון א ווייטער און ברייטער פאַרגאַנגענהייט. גייוושעס פעטער איז אן אלטער בן־בית ביי סימקען, גענויער ביי סימקען דעם הונדערטער און סימקע איז דער זון פון אורקע דעם הונדערטער און דערביי דער איינגנטימער פון רעסטאָראַן — וואָס אויף קוואַשעלנאַ 11.

8

דרײַ הױפֿן פֿאַרמאָגט סימקעס פֿאָטער גענױער, אורקע דער הונדערטער. אײן אײנע פֿון די דרײַ אױף קװאַשעלנע 11, אינם רעסטאָראַן מיט "נאָך עפּעס" רעגירט אורקעס זון סימקע. דאָס װאָרט רעסטאָראַן קלינגט דאָ װי װערטאַל. דעם דאָזיקן מקום רופֿט מען פּשוט פּיל אײַנפֿאַכער – קנײַפּע, טײל געפֿונען דערױף אַן אַנדער טערמין – מעלינע. דאָ טאָקע אין דער דאָזיקע קנײַפּע פֿלעגן זיך צונױפֿקומען אַ ספּעציעלער מין "יחסונים", "אײגענע און הײמישע" מענטשן מיט אַ "פֿאַרגאַנגענהײט". אַזאַלכע נאָר צו װעלכע מען פֿלעגט דאָ האָבן צוטרױ, פֿאַר װעלכע דאָס אײַנגאַרטיקע פֿאַרהאַלטן זיך, די שפּראַך און באַנעמונג פֿלעגט מאַכן הײמישער און נענטער.

אַ "פֿרעמדער", װאָס פֿלעגט דאָ צופֿעליק אַרײַנפֿאַלן פֿלעגט באַצײכנט װערן מיטן נאָמען יאָלד און װי אַזאַלכן פֿלעגן אױף אים שטשירן אױגן אַלע פֿלעגן דאָ פֿײַנט האָבן זײַטיקע. אַזאַ יאָלד פֿלעגט זיך דאָ באַלד דערפֿילן "נישט הײמלעך" און פֿאַרשטײן, אַז ער דאַרף נעמען דעם װעג באַצײַטנס...

ניט אײנמאָל פֿלעגט מען זיך דאָ בײַ ביר און האַרטע אײער דערצײלן הרום אַגבֿעות װעגן דעם אָדער יענעם בלאַטן 1/. װעגן די אָדער יענע מענטשע 2/. װעגן אַ נײעם קאַפּוש 3/. װעגן דעם װי אַזױ עס פֿראַספּערירט אַ נײַע יאַטקע 4/. א.ד.גל. פֿון דאָ פֿלעגט מען באַקומען אָדער איבערשיקן גריפֿסן 5/. דאָ פֿלעגט מען פֿאַרהאַנדלען אַ קנאַקער 6/. און פֿון דאָ אַרױס פֿלעגט אַנטשטײן ניט אײן פּלאַן פֿאַר גענגסטערישע אױפֿטוען.

דער זון סימקע האָט זיך געהאַט בײַ װעמען צו לערנען. זײַן פֿאָטער אורקע דער הונדערטער איז געװען אַ מענטש מיט אַ גרױסער און רײַכער פֿאַרגאַנגענהײט. אַלײן האָט ער טאַקע געהערט צו אײנע פֿון די "גרעסטע" און "שטאַרקסטע" פֿון װילנע און אומגעגנט. דער ערשטער און שטאַרקסטער איז געװען זעליג חנה־באָבקעס אָדער, װי מען פֿלעגט אים דאָ רופֿן, זעליג בעל־טובֿה. אורקע אָבער איז ניט אָפּגעשטאַנען.

זעליג בעל־טובֿה איז אַ ייד אַ באַלעגאָלע, װאָס האָט נאָך אין די רעװאָלוציע־יאָרן פֿון 1905 געהאָלפֿן פּילסודסקין אינם דרײסטן איבערפֿאַל אױף דער באַן אין בעזדאַני. זינט דאַן איז זעליג אַװעק אױף "אײגענע װעגן", געװאָרן אַ נאָסער כּוח־גײער 7/. און... דערשלאָגן זיך צו אַן "אָנזעץ", צו אַ נאָמען און פּאָפּולאַריטעט.

דער אַלטער אורקע װידער האָט זיך באַלד אָװעקגעשטעלט אױף אײגענע פֿיס. פֿון זײַן האַנט פֿלעגט מען צושטעלן בריװ צו דעם אָדער יענעם סוחר אַז ער איז מחויבֿ סילעקן אַזאַ און אַזאַ סומע און זעלטן װער פֿלעגט װאַגן אָפּזאָגן אָדער זיך אַרױסדרײען.

פּאַר

װילנע פֿלעגט ציטערן פֿאַר בײדע אי זעליג חנה־באָבקעס אי פֿאַר אורקען דעם הונדערטער. בײדע זענען זײ אַמאָל געװען די "פּאָפּולערסטע" נעמען אין װילנע און זײער פֿאַרלאַנג פֿלעגט זײַן מער װי אַ מלוכה־פֿאַראָרדענונג.

אורקעס זון סימקע פֿלעגט הערשן אין בוינע 8/. און װעגן אים און זײַנע אױפֿטוען פֿלעגט מען זינגען גאַסן־לידלעך. זעליג חנה־באָבקעס צוזאַמען מיט פּאַשקען דעם טענצער װילנע געװען די פֿירער פֿון אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע "די גאָלדענע פֿאָן". װילנע האָט געציטערט פֿאַר דעם דאָזיקן. פֿון דאָ פֿלעגן אַרױסגײן באַפֿעל מען פֿלעגט באַשטימען "פּרעטענסיע־געלט", נעמען סכּירות פֿון אָנגעשטעלטע, פֿון דינסטן. דאָ פֿלעגט מען אַרױסגעבן אורטײלן װעמען אָפּצורוימען, בײַ װעמען צו נעמען אױף סכּנה א.ז.װ.

אַמאָל פֿלעגן בײדע גרופּן אַרבעטן צוזאַמען. שפּעטער האָבן זײ זיך צעקריגט צוליב אַ מיסמאַטן 9/. און אַזױ אַרום האָבן זיך געשאַפֿן צװײ לאַגערן, װאָס האָבן זיך אײנער דעם צװײטן באַקעמפֿט.

---

גנבֿהשע שפּראַך: 1/. אַן אײגענער, 2/. אַ פּאָליציאַנט, 3/. אַ מסור, 4/. אַ הײזל, 5/. בריװ, 6/. אַ רעװאָלװער, 7/. אַ גנבֿ װאָס אַרבעט מיט אַ מעסער, 8/. דאָס װילנער שחט־הױז, 9/. צוליבן פֿאַרטײלן זיך מיט אַ רױב

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

זעליג חנה־באַבקעס איז א האלב לעבן אפגעזעסן אין טורמעס און אין נאָמען פון זײַן גרויסן היסטאָרישן אויפטו פון 1905 פלעגט אים פילסודסקי ניט אײַנמאל באַפרײַען. אועק װידער האט זיך דערשלאָגן צו א גרויס פארמעגן און זיך אװעקגעזעצט /10. פון די אַט־אָ פאָרגײַער צײַט איצט זײַן יניקה גײַװושעס פעטער און דורך אים שעפּן פון דאָ ״עמערװײַז״ זײַנע קרובים די גײַװושעס.

דער פעטער פלעגט זיך ניט אײַנמאל אָנדערצײלן און די גײַװושעס פלעגן אים אויסהערן מיט גרויס פארינטערעסירונג און אויפמערקזאמקײַט.

חנה־באַבקעס האָט קאלט געמאכט /11. א קאפּוש /12. און באקומען דערפאר אײביקע תפיסה. פונדעסטװעגן האט ער זיך ארויסגעדרײט און װידער ניט איבערגעריסן מיטן פאך. אין די יארן 8־1937 פארשלעפט ער ליפקאָװיטשעס א קינד און פארלאנגט אויסקויף־געלט. ער װערט פארשיט און װידער באקומט ער 5 יאר תפיסה. ערשט די באָלשעװיקעס האבן אים באפרײַט און צוזאמען מיטן זון ארויסגעפירט אין מאָלאָדעטשנאָ פון װו ער איז צוריקגעקומען און געשטאָרבן.

אזוי אַט־אָ פלעגט דער פעטער דערציען זײַנע קרובים און די קרובים די גײַװושעס פלעגן אין זיך אײַנזאפּן די תורה אזוי, אז אין מיטן סעקן /13. פלעגט זיך זײ חלומען בלערלײ העלדענטאטן און ברױנ׳שקײטן פון רויב מאָרד און גזלה.

דאָס פעטערל א קלײן און דראָבנע ײדעלע מיט א דאר און שפּיציק נעזל, ביטרע קעצישע אויגן פלעגט װעגן אלעם חיסן, װעגן אלעם הערן און געגנוי און פּינקטלעך האלטן אויפן אויג אלץ װאָס ארום קומט פאָר. ער האט פארשטאנען, אז ער עלטערט זיך און אז פון די גײַװושעס װעט נאך קענען זײַן נחת. ער האט געפילט, אז יעדע אזא דערצײלונג איז א אײַנשפּריצונג אונטער די בלוטן און דאָס שמילע, ביטרע און שפּיציק פעטערל האט געװעבט א נעסט אין װעלכער ער האט פארװעבט אי זיך, אי זײַנע ײנגע קרובים.

## 5. די טראגעדיע לידע

די לידער באפעלקערונג האט זיך געלעבט פארהעלטניסמעסיק רויק. זײ פלעגן זיך צוהערן מיט הארצקלאפּעניש צו די גרויל־געשעענישן פון װילנע און פלעגן װארטן, מיט פארכאפּטן אטעם, איבער יעדן אדורכגעמאכטן טאָג. לידע פלעגט זײַן דער ערשטער רעטונג־פונקט פון װו װילנער פלעגן לויפן. אנטלויפן קײַן װארשע, קײַן ביאליסטאָק אָדער גראָדנע האט געהײסן קודם־כל לויפן קײַן לידע. ניט האבענדיק קײַן געלט אויף צו לויפן קײַן װארשע איז דערװײַלע לידע געװארן א אָנשפּאר־פּונקט. אזוי ארום איז לידע געװאָרן דער ערשטער רעטונגס־אָרט פונם בלוטיקן װילנע. דאָ פלעגן זיך מענטשן אָפּרוען פונם װילנער קאָשמאר־פון דאָ פלעגן טײל לויפן װײַטער און א סך פלעגן דאָ טאקע פארבלײַבן אויף ״איבערצוװארטן״.

פון לידע קײַן װילנע קומען אָן בארויקנדיקע בריװ. די לידער געטאָ איז ניט קײַן געטאָ. די באַציִונג א דערטרעגלעכע אין אלגעמײַן – פאר א װילנער האט דאָס געקלינגען װי עפּעס אָן אויסגעטרומטער גן־עדן. פאר א לידער א זאך אויף איבערצוקומען.

אין אָנפאנג נאָװעמבער 1941 קומט אַװידאָן קײַן לידע און שוין אויף צומאָרגנס שטעלט ער זיך ארבעטן בײַ זײַן סטאָלאר־פאך. פאר אַװידאָנען איז געװען קלאָר, אז די געשיכטע װילנע װעט פארגעסן װערן און דאָ אַט־אָ אין לידע װעט אים קײַן האָר פון קאָפּ ניט אראָפּ. פון סטאָלערײַ ארבעטענדיק אויף אַן אײַנהײַט, סטײעט ניט אויף זײַן עסן. ער האט טאקע ניט נאָר געגעסן. דאָ אַט־אָ פירט אַװידאָן, צוזאמען מיט זײַן גאנצע חבריתא א ברײט און פארשװענדעריש לעבן. ער עסט, ער טרינקט, ער שפּילט אין קאָרטן און... שנעל האט ער זיך דאָ אומגעזען, אז ארבעטן סתם פאר די דײַטשן האט ניט קײַן זינען.

...און אלץ איז אװעק װי עס דארף צו זײַן.

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽIM 4677

א קערטל, אמאל געלינגט עס, אמאל ניט... ניט שײַך צו זאָגן און...

---

10/. באַרויקט, 11/. געטויט, 12/. א פארעטער, 13/. שלאָפן.

10

לידע האט פלוצים א ציטער געטון.דאָס גאנצע שטעטל איז געשטעלט געוואָרן אויף
די פוס.עס איז געוואָרן א קאָכעניש אין ייִדן־ראט און א מהומא צווישן דער ייִדישער
באפעלקערונג.

וואָס איז געשען?

און געשען איז אָט־וואָס:

דאָס שטעטל האט שטאָלצירט מיט א פראוואָסלאוונעם פאָפ און דער פאָפ האט געהערט אַפֿ
אפשר צו די איינציקע וואָס האט מיט גרויס צער זיך צוגעקוקט צו דער ייִדישער טראַ
געדיע און ניט נאָר זיך צוגעקוקט נאָר טאקע געהאלפן מיט ראט און טאט.ניט איי־
נער האט דאָ געהאט צו פארדאנקען זיין הילף ביים איינאָרדענען זיך צווישן פויערים
ביים באהאלטן זיך פון ניט געוואונשענע אויגן ־ א פאָפ מיט וועלכע די אָרטיקע בא־
פעלקערונג האט זיך געמעגט גרויסן.געשען איז אבער אזוי,אז דווקא דער דאָזיקער
ייִדנפריינד איז געפאלן א קרבן פון א רויב־איבערפאל דורך ייִדן.

איינם שטעטל האט מען געוווסט צו דערציילן,אז דער פאָפ איז שווער פארוואונדעט מיט
אן אייזערנע הענטשקע אין קאָפ,אז יאָגענדיק די אנטלויפענדיקע באנדיטן האט איינ
נער פון זיי אוועקגעוואָרפן א מלבוש מיט א געלע־לאטע פון וואָס עס איז קלאָר גע־
וואָרן אז דער מערדער איז א ייִד.

דער געביטס־קאָמיסאר האט באפוילן קורץ און שארף:אין פארלויף פון 10 שעה זאל
דער ייִדן־ראט צושטעלן די מערדער אין קעגנפאל...1.000 ייִדן.

אין אנהייב האט די שטאָט געטראכט,אז דער גאנצער ענין איז ניט מער ווי א פראָ
וואָקאציע.באלד האבן אָבער אנגעהויבן אנקומען געניוערע ידיעות פון קאָשטשושקאָ
גאס,דאָס אָרט פונם איבערפאל.עס האט זיך ארויסגעוויזן אז אלץ איז טאקע אמת.

די גאנצע פאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פוס.די אָרטיקע און די ייִדישע.
דער געביטס־קאָמיסאר האט ניט געוואָלט הערן:

־אָדער די מערדער אָדער 1000 ייִדן...

די גאנצע באפעלקערונג האט זיך געלאָזן אין געיעג.עס זענען פארהאלטן געוואָרן
6 פארדעכטיקע אונטערוועלט־מענטשן און צווישן זיי יענקל אַווידאָן,יענקל האט פאר־
שטאנען,אז דער קאָפ איז אין סכנה.ער איז גרייט צו געבן "לשון" בתנאי אָבער
מען זאָל אים באפרייען.און אזוי ארום האט יענקל אויף זיך גענומען די ראל פון
א סליכענער 14/.

דער ייִדן־ראט האט עס געהייסן,נעמט געלט און דאָלארן און מאכט פעסער אלע די,
וואָס אנטלויפן פון ווילנע,מכלומרשט,אז זיי זענען לידער איינוווינער.

און עס איז געקומען א פאראָרדענונג:

ארעסטירן דעם גאנצן ייִדן־ראט

ווידער איז די שטאָט דערציטערט געוואָרן און ווידער איז געקומען א בארויקונג:
דער געביטס־קאָמיסאר זאָגט צו צו באפרייען די 7 מיטגלידער פון ייִדן־ראט.אין
צווישנצייט אבער,אין א זונטאָג איז געקומען א באפעל,אז די גאנצע לידער באפעל־
קערונג מוז זיך תיכף שטעלן אויפן מארק־פלאץ.דאָרט איז שוין געווען אינסטאליר
א פראַוויזארישער טויער און פון ביידע זייטן זענען געשטאנען 2 פון די 6 פאר־
דעכטיקע .איינער איז דאָ דער פורמאן אלקעניצקי,דער צווייטער ־ יענקל אַווידאָן.
פאר זיי האבן דאָס איצט געדארפט פארביידעפילירן די גאנצע ייִדישע באפעלקערונג
פון שטאָט און זיי האבן דאָס איצט געדארפט אָנווייזן וועלכע עס זענען ווילנער און
וועלכע ניט.

---

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

11

פון די זיבן טויזנט ייִדן אין לידע זענען אויסגעטײַלט געוואָרן 75 מכלומרשט אלס
ווילנער. זיי זענען אוועק אין תפיסה און נאָך 10 טאָג זיצן זענען זיי אלע, צוזאמען
מיט די מיטגלידער פון ייִדן־ראט דערשאָסן געוואָרן אויפן טורמע־הויף.

אווידאָן האט זיך דערשלאָגן זײַן ציל. ער איז פרײַ און שלאָגט זיך מיט דער דעה ־ ער
קען זיך נישט דעציידירן:

פארבלײַבן ווײַטער אין לידע איז אומעגלעך. לאָזן זיך צוריק קײַן ווילנע איז אן אײַנ־
שטעלעניש. פונדעסטוועגן האט עס אים געטריבן. ער האט זיך כיטרע ארומגעקוקט אין
אלע זײַטן, געבלאָנדזשעט פון אָרט צו אָרט און אנטשיילטיק דעצידירט. ווי נאָר אווידאָן
פלעגט זיך אויף עפעס דעצידירן דאן האט עס אים שוין אן און פאר זיך באַרויקט:

צוויי קאלטע ווי צווײַ פײַערדיקע קוילן, האבן ארויסגע~~גלאנצט~~ פונט טיפן פוטער־קאָל־
נער און פון זיי אָט ארויסגעגלאנצט די גאנצע מערדערישע רויקײַט אויף וועלכע
נישט יעדער מערדער איז בכוח.

אין אנפאנג מערץ איז די ווילנער געטאָ פלוצים פול געוואָרן מיט א סענסאציע: אין
געטאָ טורמע געפינט זיך דער מערדער פון ייִדישן פאָליציסט גרינפעלד דער רויבער
פון לידער פאָפּ און דער שולדיקער אין די 75 לידער ייִדן מיטן ~~[illegible]~~ לאָרטיקן ייִדן־
ראט...

יעדער האט א דרײַ געטון מיטן קאָפּ ווי אויף חלשות.

זייער פיל האבן שטיל בײַ זיך געטראכט:

אין טורמע און וואָס ווײַטער?...

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

## 6. מאָרד צוליב רויב אין געטאָ

יעדעס מאָל ווען די ברודער גײַוווש פלעגן דורכגײַן פאר סטראשונא 9 פלעגן זיי פאר־
שעמטע אראָפּלאָזן די קעפּ און זיך נישט קענען קוקן אין די אויגן אַרײַן. קײַנער, פארש
שטייט זיך, האט פון דעם נישט געוווסט און קײַנער האט דאָס דאָזיקע נישט באמערקט.

דאָס פרומע פעטערל, דאָס קלײַנע דראָבנע ייִדעלע מיטן שארפן קראָען־נעזעלע און שפּי־
ציקע אויגעלעך האט געקוקט אויף דער זאַך שוין אביסעלע אנדערש. ער האט דעם ענין
שוין לאנג פארגעסן און איצט איצט שפּינט ער שוין א נײַ געשעפטל, א "מסחרל", אז
אויב דאָס וועט געלונגען וועט ווידער זײַן אָן וואָס זיך אָנצושפּארן.

ער, ער איז נישט אזא שוואכלינג ווי זײַנע שנעקעס. זיי וועלן זיך אָדער אויסלערענען,
זיי וועלן זיך פארהארטעווען, איבעריקענס ־ גאָט וועט העלפן און אלץ וועט ווידער
אדורך בשלום...

די אלמנה פון היטל־מאכער הערצל לידעס האט נאָך אלץ נישט געוווסט אויף וואָסער ~~וועלכ~~
וועלט זי איז. איז זי אן אלמנה צו טאקע נאָר א פארלאָזענע. וואָלט זי אבער געקענט
די גײַוווישעס און זייער פעטערוק, וואָלט זי זיי געקענט, וואָלט. ווען זיי געוווסט די קרי־
מינאל־פאָליצײַ פון געטאָ?

דאָן אָבער איז נאָך אלץ געווען באגראָבן אונטער דער ערד און דאָס וואָס עס איז באג־
ראָבן קאָן זעלטן־ווען נאָך אַנקוקן די ליכטיקע שײַן.

די ווילנער געטאָ לעבט זיך מיט איר אײַנגאַרטיק אײַנגעשטעלט און "סטאביליזירט"
לעבן: פארטאָג יאָגט מען צו דער ארבעט. בײַנאכט אײַלט מען אין שטוב ארײַן, צו פרוי,
צו קינדער, צו קרובים און נאָענטע.

ווילנער געטאָ לעבט זיך מיט איר לעבן: אזא אײַנהײַט צו אן אנדער אײַנהײַט. מען באקומט
דאָרט יאָ א מיטאָג צי מען באקומט עס נישט. א ווײַטער מהלך און מען דארף רײַסן די ~~[illegible]~~
זוילן צי דאָס ארבעטס־אָרט איז נאָענט ־ פּראָבלעמען אין וועלכע עס זענען פארטון
אָרים און רײַך, אמאליקע גבירים און נעכטיקע פּראָלעטאריער. אלץ דינט דאָ דעם רײַך
און אלץ וואָס סאיז פארבליבן ~~[illegible]~~ האט דאָס רעכט אויף לעבן נאָר אויף אזויפיל,
אויף וויפיל דאָס איז נוי טיק דעם רײַך און וואָס דער עיקר ־ קאָן זײַן קנעכטיש,

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677/12



געהאַרכזאַם און דינסטפעיק.

די ברודער גײװוש, דער פעטער גראַדזענסקי, יענקל פּאָליקאַנסקי און װיטובאַװסקי זײ אַלע יאָגן זיך ניט אין שטוב אַרײַן, כאָטש ניט אײנער פון זײ האָט פּרויען און קינדער. מיט די דײַטשן זענען זײ אַלע אויסגעקאַכט און הײמיש — קנעכט פון קנעכטנלאַנד. שטענדיק זענען זײ פאַרטון אין געשעפטן: אָט סודעט מען זיך, אָט רײַסט מען זיך אַרום און אָט װידער כאַפּט מען אַ שנעפּסל, מען עסט פיש און מען באָדט זיך אין געגנזענס. זײ, דאָס דאָזיקע פינפטל אײַלט זיך ניט אין שטוב אַרײַן.

הלמאי דאָס פאַרהוילן?

װען אין געטאָ איז ~~ווי~~ ווי אַ דינער פאַרבײַ די ידיעה, אַז אויף שאַװלער 1 האָט מען געפינען אַ דערמאָרדעטן, איז אַ ציטער אַדורך איבער די לײַבער פון די געטאָ־אײַנוױנער:

אַ מאָרד אין געטאָ!

אויף שאַװלער איז אַ גרויסער צוזאַמענלויף. עס איז פול מיט מענטשן. די פּאָליצײַ קען זיך ניט קײן עצה געבן. אָט מאַכט מען אַ װאַרע — עס גײט דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ־פּאָליצײַ. װידער װערט אַ געדראַנג — עס קומט דער פּראָקוראָר. עס גײט דער פאָרזיצער פון ייִדן־ראַט. מען גײט, מען קומט און מען גײט װידער. די קרימינאַל־פּאָליצײַ איז פאַרטון און פאַרפאַרעט. צו דער קאַנצעלאַריע פון דער קרימינאַל־פּאָליצײַ װערט קײנער ניט צוגעלאָזן. פונדעסטװעגן װײסן שוין אַלע:

אויף שאַװלער 1 אַ מאָרד.

אויף שאַװלער אין קעלער האָט מען אויפגעגראָבן אַ דערמאָרדעטן.

— און דער דערמאָרדעטער? — פרעגט טשעקאַװע אַ דורגײער.

פון ערגיץ־װו שפּאַרט זיך אַרויס אַ בחורל, װאָס װײס שוין, אַז דער דערמאָרדעטער איז אַ חסידישער יונגערמאַן, אַ ישובה־בחור, אַ פּלוט. באַלד װערט טאַקע קלאָר, אַז דער דערמאָרדעטער הײסט יוסף גערשטײן.

אָט דער דאָזיקער יוסף גערשטײן, װאָס איז װי אַ ישובה־בחור געלאָפן פון ביאַליסטאָק קײן װילנע...

אַ גאַנצן אָװנט האָט געטאָ געזידט װי אַ קעסל: אַ מאָרד אין געטאָ!

— אַ מאָרד און טאַקע אַ רויבמאָרד! — האָבן שוין אײניקע געװוּסט צוצוגעבן.

מענטשן האָבן עס ניט פאַרשטאַנען. אַנדערע זענען רויט געװאָרן פאַר חרפּה: נאָך אַזוי פיל פײַן און בלוט, נאָך אַזוי פיל דערנידערונג — אַ מאָרד צוליב רויב צװעקן?..

די געטאָ האָט פאַרשעמט געקוקט אויף דער גאַנצער געשעעניש און נאָך קײנמאָל אַזוי זיך ניט פאַראינטערעסירט מיט די קלענסטע פּיטשעװקעס װי דאַסמאָל. גראָד דאַסמאָל האָט יעדער געװאָלט דערגײן געגנוי און פּינקטלעך װי גרויס און װי שטאַרק עס איז די געמײנהײט פון די געטאָ־אויסװורפן.

קײנער האָט ניט באַמערקט, אַז עס איז שוין שפּעטער אָװנט. דאַסמאָל װי אַלע מאָל האָט די נאַס מיטגעמאַכט די געשעעניש. די געטאָ איז געשטעלט געװאָרן אויף די פיס און די געטאָ־אײַנוױנער זענען הײַנט מיט אַ פּאַטעטיקונג פאַרטריבן געװאָרן אין די טויערן. אפילו דער פּאָליציסט מיטן פײַפל האָט פאַרשפּעטיקט די פּאָליצײַ־שעה.

אַלץ איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען איבער די שטיבער טראַכטענדיק װעגן דעם העסלעכן — אַ מאָרד צוליב רויב אין געטאָ...

די נאַכט איז געװען אַ שװערע און קאָשמאַרע. ערשט פון דער געשלאָגענער פאַרשעמטער געטאָ־בירגער איז שטיל אַרײַן אין שטוב און אָפּגערוט זײַן אויסגעהאַרעװעטן קערפּער, ערשט דאַן האָט די געטאָ־מאַכט אויפגעהויבן דעם אמתן אַלאַרם.

די גאַנצע פּאָליצײַ איז געשטעלט געװאָרן צום דינסט פון דער קרימינאַל־אָפּטײלונג.

עס איז אװעק א סדרה רעװיזיעס, זוכונגען איבער מאלינעס, אויספארשונגען, קאנפראנטאציעס און יעדעס מאל א פרישע אנטדעקונג. יעדעס מאל װערט אלץ טיפער און טיפער די בלאטע. דורך אײן מארד װערט אנטדעקט א צװײטער. דער צװײטער באװײזט צוגרײטונגען צו א דריטן. אײן מארד שוידערלעכער פון צװײטן. דער דריטער מארד איז א לופאנאר, א [illegible], א לאבירינט [illegible] טעאטערישער צוגרײטונג [illegible] ניט אנהײב און מען געפינט ניט קײן ענדע.

אזוי האט עס געדױערט דעם 3־טן יוני ביז שפעט בײנאכט. און א גאנצע נאכט פון 3־טן אויפן 4־טן יוני.

## 7. דאס פראבלעם אװידאן

אין דער אײנצל־קאמער פון דער געטא־טורמע אויף לידסקע האט װי א לײב אין זײן שטײג געװאנדערט אװידאן הין און צוריק, אנשטרענגענדיק דעם מוח געװאלט ארומנעמען זײן ענין.

זײן ציכטיק רעגולערע פנים, זײנע שװארצע ברענענדיקע אויגן, זײן גאנצע פעסטע פיגור װי צום לעצטן, אנטגילטיקן פארמעסט:

אלץ זאגט דערפאר אז ער מוז זיך ראטעװען. בלײבן דא הײסט װארטן אויפן טויט. אנטקומען פון דא װי דער פעפער װאקסט. אבער װי אזוי מאכט מען דאס?

פונקט װי אװידאן דא אין קאמער אזוי האבן אויך די געטא רעגירער זיך געבראכן די מוחות און געטראכט װעגן צװעק פון אװידאנס זיצן:

לאזן אים לעבן הײסט געבן א מעגלעכקײט פריער אדער שפעטער זיך ארויסצודרײען. יעדע מין פרײהײט גיט אים װידעראמאל מעגלעכקײטן צוצוטראכטן נײע בלבולים. נעכטן אויף לידער ײדן הײנט אויף װילנער. אװידאן מוז אונטערגעבראכט װערן,

דעם טויט האט ער זיכער פארדינט. אין דעם צװײפלט קײנער ניט. לאזן אים לעבן הײסט שטעלן אין סכנה טויזנטער. אומברענגען אים – אדער װי אזוי?..

עס איז געװען א פראבלעם אויף ניט אײנצובײסן.

אװידאן אדער האט נאך װײט ניט רעזיגנירט. דא אין די טורמע־מויערן איז ער א מוסטער פון א געפאנגענעם. ער איז שטיל, ער איז געהארכזאם, ער איז דיסציפלינירט. גאנצע טעג ליגט ער אין קאמער, קוקט אויפן פולעפ און שװײגט. שװײגט און שפירט אין דער װעלט ארײן. פון זײנע בליקן זעט זיך כסדר און אומאויפהערלעך אז עפעס װעבט ער פלענער. שטיל, א פאדעם נאך א פאדעם װעבט ער ביז עס װעט אויסװאקסן א געװעב און א שפין אין דרין...

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

יעדן טאג פלעגט ער רויק און געלאסן פרעגן:

– װי לאנג װעט איר מיך האלטן?

– פארװאס?

באטש צעהאק אים אויף שטיקער – ער איז אומשולדיק און װײס ניט װעגן װאס צו זאגן.

באטש צעשנײד אים

אלע הײזן אויף אים אן, אז דאס איז ער געשטאנען אויפן לידער מארק בײם טויער און אנגעװיזן אויף װילנער און ער, באטש צעשנײדט אים ער װײס ניט װעגן װאס צו זאגן.

אויף דער פראגע צום פראקוראר װען ער װעט ארויס האט ער באקומען א קאלטן און ריקן ענטפער:

14

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

– עס איז געזונטער און בעסער צו בלײבן אין תפיסה...

– פארװאס?־פלעגט ער מיט זײן קאלטקײט װעלן װיסן גענױער.

– װײל מען װײסט אױף אײך אַן?..

– װײל מען װעט אײך פארשטײנערן!

אײנמאל האט ער זיך דערבײ פארטראכט און מיט צוטרוי פארגעשלאגן:

– אויב אזוי טאַ גיט מיך ארויס די ליטװינער...

– און װײטער?־האט דער פּראָקוראָר מיט חשד געװאלט דערגײן.

– װײטער, װײטער װעל איך מיר שוין אַן עצה געבן.

~~א~~ די לעדער פלעגן מאקע דערצײלן: ער איז שטארק א ריז. ער איז פלינק. ער איז א גלענצענדער שטעכער. ער לויפט װי א הערש. און די ײדישע פּאָליצײ האט טאקע מורא געהאט – ער קען אנטלויפן.

אנדערע פלעגן װעגן אים דערצײלן: ער האט געהאט אַן 18 יאריקע פרוי. זי איז געװען אין 8־טן חודש. בײדע האבן זײ זיך פארשטעקט אין א מאלינע און פון דארט האט מען זײ ארויסגעצויגן. אויף רודניצקער גאס האט ער איר א שטופּ געטון, זי איז געפאלן און אין האַרמידער איז ער דערװײל אנטקומען. זי איז אװעק אויף פּאָנאר און ער האט זיך ארויסגעדרײט...

די פּאָליצײ האט נאָך מער מורא געקריגן. די שמירה ארום זײן צעלע איז פארשטארקט געװאָרן. מען האט אים צוריקגעצויגן פון זײן סטאלאר־ארבעט אין טורמע און ער פלעגט ניט מיד װערן און זיך פרעגן:

– איז װי לאנג װעל איך דאָ זיצן?– ער קען ניט זיצן אָן א ציל.

פּלוצים האט ער זיך דערװוסט אז מען װײס שוין אלץ װעגן זײן פארגאנגענהײט. מען װײס שוין אפילו, אז ער איז געזעסן אײנמאל 3 יאָר און א צװײטמאל 8 חדשים. ער דערפילט אז די אויספארשונג ארום זײן ענין איז נאָך אלץ ניט ~~איז~~ איבערגעריסן און אויב מען פארנעמט זיך אלץ מיט אים איז אפשר בעסער זיך מודה זײן? ער האט זיך אײנגעבראכן און גענומען פּלאפּלען.

– ער האט טאקע געטון. ער האט חרטה. ער האט ניט געגלײבט אז דאָס װעט האבן אזאלכע טרויעריקע פאָלגן. װאָלט ער עס װיסן, װאָלט ער עס ניט טון. איז װי לאנגזשע דער שיעור ניט צו װיסן, װאָס מיט אים װעט װערן?..

סך־הכל איז דער דאָזיקער "דיפּלאָמאט" אלט געװען 27 יאר...

פּלוצים איז ער צוגעשטאנען מיט א פראגע – ער װעט לעבן?...און אז ער האט דערהערט, ער װעט לעבן, האט ער װידער באנײט זײן ביטע:

– װי לאנג װעל איך זיצן?

נאָך יעדן אזא געשפּרעך פלעגט ער רויק און געלאסן זיך אומקערן צו דאָס זײניקע. אין אנהײב צו זײן סטאלאר־ארבעט שפּעטער אין זײן קאמער ארײן װי ער פלעגט װי קײנמאל גארניט לײענען שלום־עליכמען, קוקן שעהן לאנג אין אײן פּונקט און שפּײען אומאויפהערלעך שפּײען...

זײן רויקײט פלעגט אלע באװוּנדערן, דאָס פלעגט אויך גלײכצײטיק שרעקן:

אײנמאָל בײנאכט װען װילנע איז שטארק באמבארדירט געװאָרן פון באָלשעװיסטישע באָמבערס, װען אלע ארעסטירטע פלעגן זיך רײסן אין די קאמערן מען זאל זײ ארויס לאָזן איז אװדאָן רויק און שטיל געלעגן אויף זײן נארע, װי ניט אים מײנט מען, – אַן אײגנארטיקע רויקײט

פּלוצים איז ער צוגעשטאנען צום פּראָקוראָר און פארלאנגט א זעונג. א זעונג מיט

מיט א קינד, א מײדעלע.

– װער איז דאָס מײדעלע?

װעגן אלעם פלעגט מען דאָ קוקן מיט א חשד:

– א צוגעשריבן קינד – האט ער אויסגעטײטשט...

נאָך עטלעכע טעג האט דער פּראָקוראָר זיך דעצידירט:

א זעונג אויפן 4–טן יוני.

אָאװידאָן איז געװען אויטער זיך.

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VZM 4677

## 8. דער 4–טער יוני אין װילנער געטאָ

צענדליק–טויזנטער ײדן זענען פון װילנער געטאָ ארויסגעריסן געװאָרן אויף טויט און אומקום. יעדע "אקציע" האט זיך אײנגעשניטן אין געטאָ װי א חלוף אינם פּאָל–בלוטיקן אָרגאניזם. יעדע אזא "רײניקונג" האט געברענגט מיט זיך נײע און נײע קרבנות און יעדעס מאָל, אין פּײן און אין לײדן, טרינקענדיק איבערן האלדז אין בלוט, פלעגט די געטאָ טראכטן װעגן טאָג פון געשיכטלעכער נקמה.

װאָסזשע דאָ דער װונדער?

אינם גרויסן צער און אומבאהאלפנקײט זענען זיך דאָ די מענטשן נענטער געװאָרן – אלע גלײכע קאנדידאטן פאר פּאָנאר...

ײדן זענען זיך הײמישער געװאָרן – ברודער פון אײן גורל.

די נויט איז א בשותפישע – יעדע װאקלונג בײם טויער איז א ריס פאר אלעמען. יעדע שרעק איז א ציטער פאר אלעמען. אלץ איז גלײך און אויסגעגלײכט. געטאָ װײס ניט פון קײן צװײאיקײט. געטאָ קאָן ניט קײן דואליזם. געטאָ איז װי בלײ אויסגעגאָסן און אויסגעפורעמט – אלע װי אײנער און אײנער װי אלע...

אלע פאר אײנעם און יעדער פאר אלע.

פּלוצים א ריס אין דער פארגעמײנשאפטלעכן, א געגנסטער געשיכטע – א רויבמאָרד אין געטאָ.

א רויבמאָרד? עס איז ניט דער געהעריקער אויסדריק. עס איז מילד און אײדל. עס איז א געגנסטער–געשיכטע. א רויב–באנדע, װאָס האט ניט זײערס גלײכן ~~[illegible]~~. א זאך װאָס איז אפשר דער ערשטער פאל אין דער געשיכטע צװישן ײדן.

הײנט נאָך מער װי נעכטן איז די געטאָ געשטעלט געװאָרן אויף די פיס:

צום נעכטיקן מאָרד, אויף שאװלער 1 איז צוגעקומען נאָך א מאָרד – סטראשונא 9.

א גאנצע נאכט האט געארבעט די אויספאָרשונג. פון פארטאָג אָן איז טעטיק א שנעל–געריכט. אלע 5 מערדער האבן זיך ~~[illegible]~~ און ~~[illegible]~~ װעט קומען דער אורטײל.

פון דער אויספאָרשונג װערט ~~[illegible]~~ אויפגעקלערט: אויף סטראשונא 9 געפינט זיך שוין לאנג דערמאָרדעטער הערצל לידעס דער היטל–מאכער בײ װעמען מען האט צוגע–נומען 27.000 רובל פארװאָס ער האט געדארפט באקומען 100 אין גאָלד. אנשטאָט דעם האט מען אים דאָן פארנארט אין קעלער סטראשונא 9 און דאָרט אויף א בעסטיאלישן אופן דערמאָרדעט און באגראָבן שטײנדיק מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף. אזוי אָט–אָ איז ~~[illegible]~~ ערשט איצט געפינען געװאָרן הערצל לידעס.

אויף שאװלער 1 געפינט זיך יוסף גערשטײן, דער װאָס איז ערשט נעכטן פרי צוליב די זעלבע צװעקן דערמאָרדעט געװאָרן און דאָ כמעט װי יענער באגראָבן געװאָרן אין קעלער, צוקװעטשענדיק זײן קאָפּ מיט א שװערן שטײן, א סגולה, אויב ער װעט געפינען

16

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

ווערן זאָל מען ניט דערקענען ווער דאָס איז...

און אווידאָן?

ערשט היינט פאַרטאָג האָט זיך דערמאָנט אָן יענקל אווידאָן:

אווידאָן מוז אונטערגעבראַכט ווערן.. עס איז דער שער־הבושר – איצט אָדער קיינמאָל

– אווידאָן מוז מיטגעצויגן ווערן..

6 פאַרטאָג האָט אַ גרילץ געטון דער שליסל אין אווידאָנס קאַמער און עס איז געפאַלן אַ פאַראָרדענונג: זיך אָנטון.

היינט דעם 4־טן האָט אווידאָן באַשטימט אַ זעונג מיטן קינד. ערשט מיט איי ניקע טעג צוריק האָט ער אָנגעשריבן אַ ביטע וו ער בעט מען זאָל אים באַפרייען. איצט אויף דער פאַראָרדענונג זיך אָנטון האָט אווידאָן דערפילט אַ ריס אין האַרץ. זעענען עפעס פלוצים אָפגעשטאָרבן הענט און פיס. אַ בלייכער און דערשראָקענער האָט ער אפילו ניט געפרעגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. שטיל ווי ביז איצט אַזוי אויך היינט, האָט ער מיט זיין שאַרפן בליק באַטראַכט אַלץ וואָס אַרום קומט פאָר און פאַרשטאַנען – עס דעצידירט זיך

ווען ער האָט דערזען די גרויסע פּאָליצײ־שמירה וואָס וואַרט אויף אים, ווען מען האָט אים ביי אים פלוצים פאַרוואָרפן די הענט אויף אָרונטער און זיי געבונדן, דאַן האָט ער פאַר שטאַנען אויף זיכער, אַז דאָס אַלץ ביז איצטיקע איז געווען אַ שפּיל. ער איז אָן אָפּגע־נאַרטער, איצט שוין אַ פאַרפאַלענער.

6 פערזאָן ליגן איצט אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע פון דער ייִדיש־ייִדישער פּאָליצײ־קאָמענדע. דאָס רוב האַלב נאַקעט, צעשלאָגן און פאַרבלוטיקט. דער גרויסער צימער איז פול מיט נערוועזיטעט, שווייס און בלוט־פלעקן. אַרום די מערדער די גאַנצע פּאָליצײ־אָנפירונג, דער ייִדן־ראָט, דער געטאָ־געריכט און קרימינאַל־פּאָליצײ. דער פּראָקוראָר פאַרלאַנגט פאַר 6 פון די אָנגעקלאָגטע אַ טויט־דורך הענגען.

אין זיין לעצט וואָרט בעט זיך ג״ווש עליאַש מען זאָל אים דערלאַנגען... אַ פּאַפּיראָס. פּאָליקאַנסקי יענקל בעט איים דערלויבן זיך געזעגענען מיט זיין פרוי. ווידוכאָווסקי הירש דערקלערט, אַז ער האָט געשאָסן גערשטיינען. ער איז שולדיק. אויך אווידאָן בעט אַ וואָרט. ער האָט פאַרלוירן זיין רויקייט. דער גלאַנץ פון די אויגן איז אים אַנט־קומען און ער זאָגט:

– איך אָנערקען זיך ניט פאַר שולדיק. איך בעט מיך באַפרייען.

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

אַלע אָנוועזנדיקע קוקן זיך אַרום מיט באַוואונדערונג. דאָס געריכט דערקלערט אַ הפסקה און גייט אַוועק אויף אַ באַראַטונג.

נאָך אַ קורצן איבעריס קומט אַ פאַראָרדענונג זיך אויפצושטעלן. אין אַטויטער שטילקייט ווערן איבערגעלייענט צוויי אורטיילן:

דאָס געריכטס־קאָלעגיע פון געטאָ־ווילנע האָט אין ענין קעגן ג״ווש עליאַש ג״ווש איציק, פּאָליקאַנסקי יענקל גראָדזענסקי לייב און ווידוכאָווסקי הירש, אָנגעקלאָגטע אין באַגיין אין געטאָ־ווילנע צוויי מאָרדן מיטן ציל צו באַרויבן,

באַשלאָסן:

1. אָנערקענען פּאָליקאַנסקי יענקל, ג״ווש עליאַש און ווידוכאָווסקי הירש אַלס שולדיק אין אויספירן דעם 3־טן יוני 1942 אַ רויבמאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע איבער גערשטיין יוסף.

2. אָנערקענען פּאָליקאַנסקי יענקל, געוווש ג״ווש איציק און גראָדזענ־סקי לייב אַלס שולדיק אין אויספירן אין מאָנאַט פעברואַר 1942 אַ רויב־מאָרד מיט פּרעמעדיטאַציע איבער לידעס הערצל.

3. פאר די אויבנגעוויזענע פארברעכענס באשטראפט פאליקאנסקי יענקל, געוויש עליאש, ווידוכאווסקי הירש, גייווש איציק און גראדזענסקי לייב מיט טויט שטראף.

4. דעם אורטייל איבערשיקן זאפארט צום ייִדן־ראט צו באשטעטיקן.

און דאן דער צווייטער אורטייל:

דאס געריכט־קאלעגיום פון געטא־ווילנע האט אין ענין קעגן אווידאן יענקל, אנגעקלאגט אין פארזוך צו דערמארדן דעם פאליציסט גרינפעלד יענקל אין געטא־ווילנע באשלאסן:

1. אנערקענען אווידאן יענקל אלס שולדיק אין פארזוך צו דערמארדן דעם פאליציסט גרינפעלד ביים דערפילן זיינע אמטפליכטן אין מאנאט נאוועמבער 1941 און אים באשטראפט מיט טויט־שטראף

2. דעם אורטייל זאפארט איבערשיקן דעם ייִדן־ראט צו באשטעטיקן.

איבערן זאל האט א בלאז געטון מיט טויט. אלע שווייגן ווי עס וואלט ביי אלעמען אפגענומען ~~[illegible]~~ דאס לשון. פארענדיקט דאס לייענען ווערט פאראורדענט זיך צוריק אוועקלייגן און... איין אווידאן קאן זיך ניט בארויקן. ער קאכט זיך און טרייסלט. ער, דער איינציקער האט אפילו געפרווט בעטן מען זאל רחמנות האבן אבער...

ער פארשטייט ניט דעם גאנצן ענין:

– ווי אזוי איז דאס געשען?..

– זיין "זאך" איז דאך שוין געווען דערליידיקט?...

אלע ליגן זיי אויף דער פאדלאגע מיטן פנים אראפ און נאר אווידאן קוקט א האלב ברוגזער אויף אלעם וואס ארום קומט פאר. עס שיינט אז ער פרווט זיך בארויקן און ווייטער ארבעטן – אפשר־אפשר וועט דאך עפעס געלונגען...

די פאראורטיילטע זענען באוואכט מיט א שטארקער שמירה און עס דאכט זיך טאקע, אז קיין זאך אין דער וועלט וועט שוין דא ניט העלפן, סיידן א נס פונם הימל.

און אפשר ווארטן זיי טאקע אויף דעם דאזיקן נס?

די מיטגלידער פון ייִדן־ראט האבן נאך א קורצער בארא[ט]ונג צוגעשריבן צו ביידע אורטיילן:

דער ייִדן־ראט אין געטא־ווילנע האט אויף זיין זיצונג פון 4־טן יוני 1942 באשלאסן דעם אורטייל צו באשטעטיקן.

אלץ איז אלזא פארענדיקט. דער אורטייל איז באשטעטיקט און די געטא־מאכט גרייט די עקזעקוציע.

אין געטא זידט דערוויל ווי אין א קעסל. אלע פילן זיך דא ווי פארשעמט. געטא איז פארשעמט געווארן. פון צווישן די הייפלעך מענטשן, וואס זאמלען זיך און קאמענטירן הערט זיך ניט איינמאל:

עס איז די גרעסטע חרפה פון געטאָ

עס איז א שאנד פא(ר) אונזערע שונאים...

דער טויט־אורטייל – 6 תליות אין געטא האט געווירקט דערלייכטערנדיק:

געטא דארף אפוואשן די חרפה

– עס איז א היסטארישער טאג.

– געטא דארף זיך ריינוואשן פאר דער געשיכטע...

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

18

6 תליצות אין ווילנער געטא.

א יידישע אויספארשונג, א יידישער געריכט און א אורטייל, ~~[illegible]~~ געשריבן אויף יידיש מאמע־לשון – 6 תליצות.

די געטא איז א צעטרייסלטע פון די געשעענישן. קיינער באדויערט ניט. אלץ ווארט מיט אומגעדולד:

געטא דארף אפוואשן די חרפה!

עס איז א היסטארישער טאג.

VALSTYBINIS VILNIAUS GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

## 9. צוגריטונגען

די שמאלע קליינע געסעלעך פון ווילנער געטא האבן איצט אן אייגנארטיקן אויסזען. אלץ איז אין גאס און אלע געשפאנט ווארטן אויף דער עקזעקוציע.

מען דערציילט זיך:

זייער פיל פרייוויליקע האבן זיך געמאלדן צו ווערן די הענקער.

א ייד האט געבראכט שטריק: ער וויל, אז זיי זאלן הענגען אויף זיינע שטריק.

דער יינגסטער פון די יידישע פאליציי־קאמיטארן איז רויט ווי א בוראק. זיין ביטע ער זאל זיין דער הענקער איז אפגעווארפן געווארן...

פאראן דא איין באשלוס:

– ניטא קיין הענקער אין געטא. הענגען וועלן פאליציסטן. אלע וועמענס פליכט סאיז די ארדענונג אין געטא...

[illegible] תלין

קיינער דארף ניט האבן אויף זיין געוויסן, אז ער איז א ~~הענקער~~ – אלע וועלן הענגען!

% %

%

די געשפאנטקייט וואקסט שוין מינוט צו מינוט. אלערערשט האט די עקזעקוציע געדארפט פארקומען נאר אין דער אנוועזנהייט פון דער ארטיקער געטא־מאכט. שפעטער אבער האבן די דייטשן זיך ארויסגעזאגט דערפאר אז זיי ווילן ביי זיין. און די עקזעקוציע איז אפגעלייגט געווארן פון 12 ביז 3 ביי טאג.

ביי אלעמען האט געגראבן אן אומרויקער געפיל:

– און אפשר פארגליסט זיך זיי פרווון דעם עניין פארשן?

– וואס וועט דאן זיין מיט אוידאגען?..

– ווער ווייס וואס אזא איינער קען דא פרווון?...

די גאס זידט און נאר איינצלנע וואס קלייבן זיך דא פונאנדער עיצם פלאנטער אוידאן שרעקן זיך פארן אנטגילטיקן סוף:

ווער־ווייס, וואס אזא איינער קען פרווון?...

% %

%

אויף יאטקעווער אינם הויף פון די פליישיאטקעס איז פון במה־יארן געווען א פלייש־

מארק: יאטקעס, יאטקעס און יאטקעס. דארט צווישן די גרויסע און שווערע זייַלן פלעגן הענגען מיטן קאָפּ אראָפּ די אָפּגעשיינדענע קעלבער. פון דאָ פלעגט דער קצב צוטרעטן מיט א מעסער און שנייַדן, דאָס וואָס עס איז געפעלן געוואָרן דעם קליענט.

יאטקעווער, דער הויף פון די יאטקעס.

איצט גרייט זיך דאָ דער עקזעקוציע־פּלאַץ. 6 תליות פאר די פאַרמשפּטע. אנשטאָט קעלבער וועלן הענגען געטאָ־ייִדן. הענגען וועלן זיי ייִדן און קיינער פון זיי וועט ניט א ציטער טון. עס וועט ניט קרעכצן קיין איינער פון דער געטאָ.

צוואנציק טויזנט ייִדן האבן זיך פאַרלייגט אויף 6 און צוואנציק טויזנט ווארטן אויף דער מינוט פון זייער ענדע.

הלוואי ווי אמשנעלסטן..

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

% %

%

פּשוטע ייִדן, ווער אן אדוואָקאט ווער א סטודענט ווער א אינזשינער, סתם אן אנגעשטעלטער סתם א פייַנער און ארנטלעכער מענטש – אָט־אָ דאָס איז דער צוזאמענשטעל פון די ריכטער אין געטאָ.

צענדליקער יאָרן ארבעטן ריכטער בייַ זייער ריכטער־טיש און לעבן אויס א לעבן ניט ארויסטראָגנדיק קיין טויט־אורטייל.

די אָט־אָ פּשוטע מענטשן, די ייִדישע געטאָ־ריכטער האט דער גורל געשטעלט אין דער ראָל פון ארויסטראָגן 6 טויט־אורטיילן.

אלע זיינען זיי איינגעבויגן אין דרייען: די פאַרורטיילטע האבן עס כשר פאַרדינט. דער אורטייל דארף אָן ריקזיכט ווי אמשנעלסטן אויסגעפירט ווערן. זיי אבער האבן עס [illegible] טערגעשריבן און זיי [illegible] שיקן [illegible] אויף יענער וועלט. געגאנגען

טיף אין די הערצער גראָבן ווערימלעך און טיף ערגיץ, ערגיץ טיף נאָגט א ווייטאָג.

דער שעף פון דער פּאָליציי, די הויפּט־ספּרוזשינע פון דער אקציע איז פולשטענדיק באהערשט:

די זאַך מוז געשען און מיר דארפן זיך נעמען דעם מוט.

– עס איז אונזער היסטארישע אויפגאבען

די געטאָ ווארט אין שפּאנונג.

## 10. די עקזעקוציע

די ווילנער געטאָ מאכט דעם איינדרוק פון א פילם־טאשע, ווי עפּעס א גוט אויסרעשיסירטע, אלץ איז ווי אויפן לייוונט.

פון די פראנט־פענסטער שטופּן זיך טויזנטער קעפּ ארויס. טויזנטער ווארטן אויף דעם צוג צום עקזעקוציע־פּלאַץ.

דריי לימוזינעס האבן זיך אריינגעשניטן אין געטאָ: געביטס־קאָמיסאר הינגסט זייַן רעפערענט פאר ייִדן־פראגן מורער, הינגסט שטאבס־פירער, לאקנער, פאָרשטייער פון דער שוץ־פּאָליציי, געסטאפּאָ עס־עס־לייט, זאנדער־קאָמאנדאָ א.א.

דריי לימוזינעס גלייַך צום עקזעקוציע־פּלאַץ.

אויף רודניצקער 6 ווערט אויסגעשטעלט א פּראָצעסיע: 6 פאַרורטיילטע איינער אונטערן צווייטן, ארום יעדן איינעם 6 פּאָליציסטן. אלע פאַראורטיילטע געבונדן די הענט אויף ארונטער.

מענטשן ציען אײַן דעם אָטעם:

– צו דער חליצה...

– ייִדן פֿירן ייִדן צו דער חליצה און עדות דערפֿון וועלן זײַן הינגסט אויך מורער...

דאָס זענען זיי דאָך די שעפֿער פֿון די אויסגעקוילעטע טויזנטער און טויזנטער ייִדן אין ווילנע...

די פּראַצעסיע גייט צום עקזעקוציע־פּלאַץ. דער ערשטער איז דאָ אַווידאַן, דער צווייטער מאַרשירט גײַווש איציק. עס גייען גראָדזענסקי לייבל, פּאָליקאַנסקי יענקל, ווישובאָווסקי און גײַווש עליאַש.

די גאַסן זענען ווי אָפּגעשטאָרבן. דער גאַנג פֿון דער פּראַצעסיע שלאָגט זיך אָפּ אויף די שטיינער ווי האַמערס מיט וועלכע מען וואָלט געקלאַפּט איבער די קעפּ פֿון די צו־קוקער. עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי דער אָטעם פֿון געטאָ וואָלט זיך אָפּגעשטעלט.

חרטה־געפֿיל? ייִדאָס זעט זיך ניט בײַ קיינעם פֿון די 6. זיי "מאַרשירן" ווי צו אַ פּאַר־דינטע שטראָף. מאַרשירן און שטייען ניט אָפּ.

אַ ציטער גייט איבער דער געטאָ

געטאָ ציט אײַן דעם אָטעם...

אַ קליינער פּירעקיקער הויף – דער יאַטקע־הויף פֿון יאַטקעווער גאַס 6. יאַטקע האַ־קעס און 6 בענקלעך. דער באָדן דאָ אַ האַרטער, אַן אַספֿאַלטירטער – אַ יאַטקע־הויף.

אונטער יעדן פֿון די האַקעס ווערט אויסגעשטעלט איינער – דאָ וועט זײַן די ענדע. איבער זייערע קעפּ הענגען די חליצה־שטריק, פֿאַר זיי שטייען די חליצה־בענקלעך.

אַלץ איז אין דערוואַרטונג

דער געביטס־קאָמיסאַר דערלויבט אָנהייבן די עקזעקוציע. דער שעף פֿון דער געטאָ־פּאָליציי טרעט אַרויס אין מיטן פֿונעם הויף און אין אָנבליק פֿונעם גאַנצן אַרום דערהערט זיך זײַן שטים אין ייִדיש:

פּאָליציי, ייִדן־ראַט

פֿון 75 טויזנט ווילנער ייִדן איז פֿאַרבליבן 16. די 16 מוזן זײַן גוטע, ערלעכע און אַרבעטזאַמע מענטשן. יעדער וועלכער וועט ניט זײַן אַזאַ וואַרט די זעלבע ענדע וועלכע עס האָבן די הײַנט פֿאַרורטיילטע. יעדן אַזאַ פֿאַל וועלן מיר באַשטראָפֿן און אַליין מיט אונזערע הענט אומברענגען.

הײַנט פֿירן מיר אויס אַן עקזעקוציע אויף 6 ייִדישע מערדער וואָס האָבן אומגעבראַכט ייִדן. דעם אורטייל וועט אויס־פֿירן די ייִדישע פּאָליציי וועלכע היט די געטאָ און וועט איר אויך ווייטער אָפּהיטן. די פּאָליציי פֿירט אויס דעם אורטייל ווי איר פֿליכט.

מיר הייבן אָן!

די ווערטער שנײַדן זיך אײַן ווי אַ געוויין אין דער טרויעריקער געטאָ־געשיכטע. דער ערשטער פֿאַרלייגט דעם קאָפּ אין זײַן פּעטליע אַווידאַן. ער הענגט. עס קומט די ריי אויפֿן 2טן – איציק גײַווש אָבער אַווידאַן קען נאָך ניט אײַנרוען. ער רײַסט זיך און דער גאַנצער פּלאַץ ווערט פֿול פֿון עפּעס אַ בראָזג. אַווידאַן האָט זיך אָפּגעריסן און ווי אַ שווערער שטיין אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן האַרטן אַספֿאַלטירטן באָדן.

אַ ציטער איז אַריבער אַלע אַנוועזנדע. אַ טויטע שטילקייט. אַ אימהדיקע איבעראַשונג און באַלד קומט די פֿראַגע – וואָס ווײַטער?

לויטן אָנגענומענעם געזעץ אין דער וועלט דאַרף ער באַפֿרײַט ווערן.

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677

צו קען מען רען אויף אַווירצנען באַפרייען?

איז דען מעגלעך אים אַרויסלאָזן פון דער פעטליע?...

ייִדן זעען עס אַנדערש: זייַנע צענדליק אומשולדיקע קרבנות פאַרגינען אים ניט דעם טויט. די דייַטשע "געסט" לייגן פאָר: זאָל דער "ייִדישער" שעף "דעצידירן. אויך ער דעצידירט:

- מיר דאַרפן אים ניטן...

אויף דער ערד ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט דער צעשלאָגענער אַווידאָן און די עקזעקוציע גייט ווייטער:

גייוויש איציק האָט שוין פאַרדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט און שטייט זיך אויס - זיין לעצטער צאַפּל.

דאָס פעטערל קוקט זיך צו און גיט ניט קיין פינטל מיטן אויג. באַלד קומט די ריי אויף אים. ער קוקט אויף זיין ברודערן זון, באַטראַכט זיינע לעצטע קאָנוולסיעס און לאָזט ניט אַראָפּ פון אים זיין בליק און אָט פאַרלייגט ער ~~שוין~~ אַליין דעם קאָפּ אין דער פעטליע:

- שמע־ישראל - שעפּטשעט ער שטיל ווי אין דער פעטליע אַריין.

און פּאָליקאַנסקי פאַרדרייט דאָס קעפּל. עס באַווייזט זיך זיין צינג...

די האָס שטייען נאָך אין דער ריי קוקן זיך צו און רעאַגירן ניט.

העלדן!

אַלע באַוווּנדערן זייער רויקייט.

די דייטשן חידושן זיך:

- ייִדן, אָט געוואַקסטע ייִדן...

עס גייט נאָך אַ צאַפּל וויטובאַווסקי און עס קומט דער לעצטער - גייוויש עליאַש. ער אָבער קען זיך שוין ניט דערוואַרטן. עפּעס טרייבט אים. אַליין שטעלט ער זיך אַרויף אויפן בענקל און אַליין - מיט געבונדענע הענט שטופּט ער אַריין דעם קאָפּ אין דער פעטליע. אַ ציִ דעם שטריק, ~~[illegible]~~ דאָס בענקל ~~[illegible] זיך אום~~ און... די עקזעקוציע קערט זיך אום צום ערשטן - אַווידאָן!

די גאַנצע צייט ליגענדיק האַלב אין באַוווּסטזיין און האַלב צעטומלט האָט ער פונדעסטוועגן פאַרשטאַנען צו סימולירן אַ טויטן. ווי נאָר מען האָט אים אַ הויב געטון האָט ער ברייט געעפנט די ~~[illegible]~~ האַלב שיכּורע אויגן און צום לעצטן מאָל זיך אַרומגעקוקט אויף דער גרויסער און ברייטער וועלט.

צוויי מאָל אויף דער תּליה און דעם לענגסטן און שווערסטן טויט האָט דאָ מיטגעמאַכט אַווידאָן. נאָך דרייט ער זיך אויף דער תּליה און קען אַלץ ניט פאַרענדיקן. לאַנג נאָך ווען אַלע זענען אַראָפּ פון עקזעקוציע־פּלאַץ האָט אַווידאָנס שווערער קערפּער זיך נאָך אַלץ געוואָרפן און, ווייסט אויס, ניט געוואָלט שלום מאַכן מיטן פאַרדינטן טויט.

% %

%

די גאַס האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. טויזנטער מענטשן האָבן פאַרטאָפּט די וועגן און טויזנטער האָבן זיך געשטעלט אין דער ריי אויף צו באַטראַכטן די 6 תּליות. קיינער איז ניט געקומען באַדויערן. יעדער האָט זיך אַליין ניט געגלייבט און אַליין געוואָלט עס זעען מיט די אייגענע אויגן.

מען האָט די אויגן ניט געגלייבט!

VALSTYBINIS VILNIAUS
GAONO ŽYDŲ MUZIEJUS
VŽM 4677